עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

קונטרס ל'

"מי שרוצה לטעום טעם גן עדן"

# תוכן השיחה

א גן־עדן אויף דער וועלט

דער אויבערשטער האט מיר ליב!

תרי"ג מיני גן־עדן

"להסתכל בשכל שבכל דבר"

טויזנט שעה מסכת קידושין

הער זיך צו – וועט דיר זיין ליכטיג!

שענערע מעשיות פון 'כרמלי'...

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 0 >1

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 2>30

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' משה פישר שליט"א
לרגל הולדת בנו יוסף למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' **מרדכי יגלניק** שליט"א
לרגל שמחת הבר מצוה לבנו אברהם אלחנן
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
לזכות שלמה יעקב בן חנה
וזוגתו פיגא בת חנה
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לברכה והצלחה בכל העניינים

להשתתפות בהוצאת הקונטרס
ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת
שמחתכם או לזכרון יקיריכם
נא לפנות לטל' 0534159773

# "מי שרוצה לטעום טעם גן־עדן"

### נועם דרכי הצדיק הממתיק מרירותא דהאי עלמא

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים בי"ש – ד' אייר תשפ"ג]

## א גן־עדן אויף דער וועלט

א בחור זאגט אז מ'דארף מאכן נאך א קעמפ[א]... דער רבי איז איין גרויסער קעמפ; דער רבי מאכט דעם גאנצן לעבן פאר א קעמפ, נישט א קעמפ – נאר א גן עדן ממש... ווער ס'לאזט זיך, ווער ס'איז מסכים צו טועם זיין טעם גן עדן – דער רבי מאכט טעם גן עדן. נישט נאר דער רבי מאכט טעם גן עדן, נאר דער רבי קען נעמען א גיהנם און מאכן פון דעם א גן עדן.

**א. הערת מערכת**: השיעור הנוכחי נמסר לאחר ה**"שבוע של התעלות"** (ה'קעמפ') המתקיים מדי שנה לבחורי החבורות שע"י חבורות הבחורים דקהילת חסידי ברסלב**" קרן אור"** - בשלהי חודש ניסן בשבוע שבין פסח לתחילת הזמן בר"ח אייר. במסגרת הקעמפ נוסעים הבחורים יחד עם ראשי החבורות למקום מיוחד מחוץ ליישוב, ועוסקים יחד בעבודת ה', בסדרי לימוד, בקימת חצות, בשיעורים מעניינים בקורות עם ישראל וכדו' המתאימים ליומי דפגרא ומיישבים את הדעת בחדוותא דאורייתא ואגירת כוח לעשות חיל בזמן הבא. כשהכל נעשה בשבת חברים, יחד עם ראשי החבורות, המשוחחים עם הבחורים ומקיימים מדי יום חבורות בצוותא בעניני עבודת ה' וליבון ובירור עצות רביה"ק לעובדא ולמעשה. אף רח"ב, בתוקף תפקידו כראש חבורה, היה משתתף במשך שנים רבות ב'קעמפ' מיוחד זה, ומשקה את העדרים מהנחל נובע בהתמסרות מיוחדת, כשעל כך יכולים להעיד עשרות מבוגרי החבורות על התועלת המרובה שקיבלו בימים אלו.

אפילו ווען א מענטש געפינט זיך – רבי נתן האט געזאגט[ב] אז (אויב) מ'וועט אים לייגן אין גיהנם, וועט ער רעדן פון רבי'ן, וועט ווערן דארט א גן עדן... דער רבי וועט זיין דארט. מ'קען אראפשלעפן דעם רבי'ן אין גיהנם און מאכן פון גיהנם א גן עדן. **א מענטש קען זיך געפונען אין גיהנם ממש, און ער שלעפט אריין דארט דעם רבי'ן - ער רעדט פון רבי'ן, פון רבי'נס תורה, פון רבי'נס דיבורים - און ס'ווערט פון גיהנם א גן עדן.**

דער רבי זאגט אין "**ספר המידות**"[ג] אז מ'קען דערקענען אויפן פנים פון א מענטש'ן, אויף "זיו פניו" פון א מענטש'ן, קען מען זעהן זיין גן עדן. דאס הייסט אז א מענטש, באמת, יעדער מענטש וואו ער איז, דער גן עדן זיינער איז אויף זיין פנים. דאס הייסט, אז מ'קען טועם זיין דעם גן עדן דא.

ס'שטייט אין חיי מוהר"ן אז דער רבי האט געזאגט[ד] אז מ'איז מקורב צום צדיק איז מען טועם טעם גן עדן. אין זוהר שטייט אז דער צדיק איז דער

---

**ב.** ראה שיש"ק חלק ב' רע"א: אָמַר מוֹהַרְנַ"ת: "**אֲפִלּוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן גֵּיהִנֹּם, וֶועלְךְ אִיךְ דָּארְטְן זָאגְן אַ תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶועט דָּארְטְן זַיין דֶער גַּן עֵדֶן!**" (אֲפִלּוּ אִם יִפָּסֵק לִי לְאַחַר פְּטִירָתִי דִּין גֵּיהִנֹּם חַס וְשָׁלוֹם, אוֹמַר שָׁם תּוֹרָה מִלִּיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וְיִהְיֶה שָׁם גַּן עֵדֶן).

**ג.** ערך צדיק אות ה': "**כָּל אָדָם מְצֻיָּר בְּזִיו פָּנָיו גַּן עֵדֶן שֶׁלּוֹ**". [וראה ברוחא דחיי קונטרס ז' (עמ' י"ט): **דער רבי זאגט אין ספר המידות: אז מ'קען זעהן; אויפן פנים פון א מענטשן קען מען זעהן זיין גן עדן, אז מ'זעט 'זיו פניו'; מ'זעט א מענטש'ן - דער גן עדן איז שוין דא אויף זיין פנים**. ער לעבט; ער לעבט צום אויבערשטן, ער טראכט פון אויבערשטן, ער פריידט זיך מיטן אויבערשטן. ער לערנט, ער פילט א טעם אין לערנען - א טעם אין די גמרא, א טעם אין משניות, א טעם אין חומש רש"י, א טעם אין דעם שו"ע, א טעם אין רבי'נס ספרים - ער האט געאט א טעם! ער האט א טעם אין דאווענען, ער האט א טעם אין אידישקייט - אויף זיין פנים זעסטו דעם גן עדן].

**ד.** שיחות הר"ן רנ"ב: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: כְּשֶׁמְּקֹרָבִים לְצַדִּיק הָאֱמֶת, טוֹעֲמִים טַעַם גַּן עֵדֶן כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (ב קסו:) שֶׁהַצַּדִּיק הוּא גִּנְּנָא דְּגִינְתָא. [וראה בסיפורי מעשיות מעשה מהז' בעטלערס - היום השני. וראה בקונטרס התקשרות לצדיק מהחסיד ר' שמואל הורביץ: הִנֵּה הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא יְסוֹד כָּל הַיַּהֲדוּת וְהוּא רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים - שֶׁכָּל חִיּוּת הַקְּדֻשָּׁה נִמְשָׁךְ מִשָּׁם, כִּי הוּא נוֹתֵן רוּחַ חַיִּים בְּכָל דָּבָר וְדָבָר, וּבְכָל עִנְיָן וְעִנְיָן, וּבְכָל מִצְוָה וּמִצְוָה, וּבְכָל קְדֻשָּׁה וּקְדֻשָּׁה שֶׁכָּל יִשְׂרָאֵל מְקַיְּמִים אוֹתָם וכו' וְהָעִקָּר כְּפִי הִתְקָרְבוּתוֹ לַצַּדִּיק הָאֱמֶת, שֶׁאֲזַי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת

"**גננא דגינתא**", דער אגראדניק (הגנני) פון דעם גן עדן. דער רבי מאכט גן עדן מיט יעדער איינעם. ווער ס'וויל, קען טועם זיין טעם גן עדן. דער גאנצער רבי'נס זאך איז איין גרויסער גן עדן, איין גרויסער גן עדן!

מ'קען יעדע רגע, פון יעדען רגע גיהנם, מאכן פון דעם גן עדן. א מענטש געפינט זיך אין א צרה, אין א צער, אין א עגמת נפש, אין א שלעכטע הרגשה פון "**הקנאה והתאוה והכבוד**" און אלע סארטן חלישת הדעת, און אלע מיני זאכן וואס דערגייען אים דאס לעבן – אז ער נעמט אריין אין זיך וואס דער רבי זאגט, מאכט ער פון דער גיהנם א גן עדן ממש[ה].

(**שואל**: ס'ווערט נאר נמתק די מרירות, ס'ווערט נישט אויס...) דאס וואס דו זאגסט איז פאר'ן פאלגן דעם רבין. דו זאגסט פון דיין פראקטיק, אבער פון רבי'נס פראקטיק איז אנדערש.

ביסט געגרעכט מיט וואס דו זאגסט. מ'זאגט איינעם: אז מ'פארט קיין אמעריקע, מאכט מען געלט [אזוי זאגט מען, איך ווייס נישט אויב ס'איז

---

מַטְעִימוֹ גַּן עֵדֶן וְעוֹלָם הַבָּא, וְכַמּוּבָא בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן שֶׁהַמְקֹרָבִים לַצַּדִּיק הָאֱמֶת מְחֻיָּבִים לִטְעֹם טַעַם גַּן עֵדֶן, כִּי הַצַּדִּיק הוּא 'גַּנָּנָא דְּגִנְּתָא' וכו'. וְעַל־יְדֵי הַהִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק אֲזַי כָּל הַמִּצְוֹת וְהַתּוֹרָה וְהַתְּפִלָּה וְכָל הַיַּהֲדוּת הוּא בִּבְחִינַת רוּחַ חַיִּים וּדְבֵקוּת וְהִתְלַהֲבוּת וְהַרְגָּשַׁת טַעַם הַקְּדֻשָּׁה בְּאַהֲבָה וְיִרְאָה וכו'].

**ה.** וראה נתיב צדיק מכתב קכ"ח: ..וְאִי אֶפְשָׁר לָכֶם לְשַׁעֵר מַה שֶּׁעָבַר וכו', וְלוּלֵא סִפְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ, לֹא הָיָה בִּיכָלְתִּי לַעֲמֹד בָּהֶם. אַךְ בָּרוּךְ ה', לֹא עָזַב חַסְדּוֹ מֵאִתָּנוּ בַּדּוֹרוֹת הָאֵלּוּ, וְהִקְדִּים רְפוּאָה לַמַּכָּה, וְרִחֵם עָלֵינוּ בַּדּוֹרוֹת הָאֵלּוּ, וְשָׁלַח לָנוּ רוֹעֶה נֶאֱמָן, הוּא רַבֵּנוּ זַ"ל וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ, וְהִשְׁאִירוּ לָנוּ אַחֲרֵיהֶם בְּרָכָה - סִפְרֵיהֶם הַקְּדוֹשִׁים, אֲשֶׁר אֵין בִּלְבּוּל בָּעוֹלָם שֶׁהֵם לֹא יָכְלוּ לְהַמְתִּיקוֹ, וּלְהַחֲיוֹת נְפָשׁוֹת הָאֻמְלָלוֹת וְהַנִּדְכָּאוֹת. וְאִלּוּ הָיִינוּ מַטִּים שִׁכְמֵנוּ לִסְבֹּל עֹל בְּהַתְמָדָה בְּסִפְרֵיהֶם הַקְּדוֹשִׁים, הָיִינוּ נִצּוֹלִים מִכָּל צָרָה וְצוּקָה, וְחָיִינוּ חַיִּים. **כִּי סִפְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ הֵם מַמָּשׁ הַגַּן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן וְהַגַּן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן, וְהֵם יְכוֹלִין מַמָּשׁ לַהֲפֹךְ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת לְגַן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן וּלְגַן עֵדֶן הָעֶלְיוֹן**. וּבְכָל עֵת אָנוּ צְרִיכִין לִשְׂמֹחַ שֶׁיֵּשׁ לָנוּ רַבִּי כָּזֶה וְתַלְמִיד כָּזֶה.

וראה בשיש"ק חלק ב רס"ט: מוֹהַרְנַ"ת אָמַר "וָואס מִיר שְׁמוּעֶסְן אַדּוּרְךְ אִין אַ פְּרָאסְטְן מִיטְוָואךְ - וֶועט קֵיין אַנְדֶערֶער גוּטֶער יוּד נִיט מַשִּׂיג זַיין אִין גַּן עֵדֶן" [מַה שֶּׁאֲנַחְנוּ מְשִׂיחִים בְּיוֹם פָּשׁוּט שֶׁל חוֹל, רַבִּי אַחֵר לֹא יַשִּׂיג בְּגַן עֵדֶן].

ריכטיג...]. זאגט איינער אז ער פארט אויפן וועג צו אמעריקע און ער מאכט נאכנישט קיין געלט... – ריכטיג, אויפ'ן וועג קיין אמעריקע מאכט מען נישט. ס'איז א צווייטע זאך... א מענטש זאגט זאכן; בסדר, דו זאגסט זאכן... אבער וואס דער אמת איז, אז דער רבי איז גן עדן ממש.

איך האב נעכטן גערעדט ביי די בחורים פון ירושלים. האב איך זיי געזאגט, איך האב זיי אנגעכאפט א דוגמא. ס'איז דא א תורה אין ליקוטי מוהר"ן – די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן. יעדער איינער וואלט דאך געוואלט מקיים זיין כאטש עפעס וואס דער רבי' רעדט. יא? איז עפן דעם ליקוטי מוהר"ן און הויב אן לערנען דעם ליקוטי מוהר"ן.

די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן – וואס זאגט דער רבי אין די ערשטע תורה אין ליקוטי מוהר"ן? לאמיר ליינען א תורה. ווילסט זיין א ברסלב'ער חסיד? ווילסט פאלגן דעם רבי'ן? די ערשטע זאך, פאר דו עפנסט די תורה: ווילסט הערן וואס דער רבי רעדט? איך גיי יעצט ליינען א תורה, אבער פארדעם זיי זיך מקבל איין זאך! צו דו ווילסט הערן וואס דער רבי רעדט יעצט?! צו דו ווילסט דרייען דעם קאפ.

ווילסט הערן, אדער דו ווילסט רעדן? איך קען ליינען, און דו וועסט זאגן דיינס. איך האב געזאגט, און דו האסט געזאגט. ס'וועט בלייבן דיין גירסא. אבער אויב דו ווילסט הערן, וועסטו הערן וואס דער רבי זאגט. דאס זאגט ער.

## דער אויבערשטער האט מיר ליב!

נעכטן האב איך געלערנט א שטיקל "ספר המידות". איך האב געזאגט פריער פאר איינעם: "נעכטן האב איך געלערנט אין ספר המידות, און ס'שטייט דארט אז דער אויבערשטער האט מיר ליב". אזוי האב איך געלערנט נעכטן א שטיקל ספר המידות. שטייט דארטן אז דער אויבערשטער האט מיר ליב.

וואו האב איך דאס געזעהן? איך האב געלערנט אין ספר המידות, אות שיכרות. ס'שטייט דארט[ו]: "**הקב"ה אוהב מי שאינו משתכר**". שטייט דא אז דער אויבערשטער האט מיר ליב.

יא, יעצט אז דו ווילסט דרייען דעם קאפ, קענסטו. אבער דא שטייט אז דער אויבערשטער האט ליב ווער ס'איז זיך נישט משתכר. ווי קען זיין? ווי שטימט עס? זאג וואס דו ווילסט, אבער דאס שטייט. דער אויבערשטער האט ליב: "**מי שאינו משתכר**".

און וואס הייסט "מי שאינו משתכר"? איך האלט נישט קיין בראנפן איצטער אין האנט, אבער א ברסלב'ער חסיד, וואס ביי אים איז קלאר אז ער האלט זיך נישט ביים שיכור'ן, ער טרינקט נישט קיין בראנפן. מ'קומט אויף א חתונה, מ'קען זעהן אנדערע בחורים כאפן א גלעז'ל בראנפן; ער כאפט נישט קיין גלאז בראנפן. ער כאפט נישט... ווייל ער ווייסט אז איך און שיכרות האבן נישט קיין שייכות.

(שואל: ס'איז א סעודת מצוה...) די גאנצע זאך ברענג איך נאר פאר א דוגמא. איך גיי פארליינען נאך א שטיקל. ס'איז נאר א דוגמא, אז **אויב בשעת איך לערן זאג איך: "איך וויל הערן וואס דער רבי רעדט", הער איך וואס דער רבי רעדט, ווערט פון גיהנם גן עדן!**

טאמער ווילסטו נישט הערן וואס דער רבי רעדט, וועל איך דיר זאגן א ווארט פון רבי'ן, וועסטו זאגן אז ס'איז שמחה של מצוה... יעדע רגע וועסטו אריינהאקן א צווייטע ווארט, דער רבי וועט רעדן, און דו וועסט רעדן... אבער דו וועסט נישט דערהערן אז דער אויבערשטער האט דיר ליב. פארוואס? ווייל דו ביסט פארנומען מיט דיין פלפול.

ווייסט וויפיל צייט דו קענסט זיין פארנומען מיט דיין פלפול? אפילו יעצט אליין, נאך וואס דו האסט געפרעגט און איך האב געענטפערט, קענסטו זיין

---

ו. ערך שיכרות ד: הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא אוֹהֵב מִי שֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּכֵּר. וראה בגמ' פסחים קי"ג: "שלשה הקדוש ברוך הוא אוהבן וכו' ומי שאינו משתכר.

פארנומען: "איך האב יא געדארפט פרעגן, איך האב נישט געדארפט פרעגן..." – קענסט פון איצטער זיין פארנומען מיט טויזנט אנדערע זאכן, נאר נישט מיט וואס דער רבי רעדט. אבער **אז דו וועסט הערן וואס דער רבי רעדט - איז דאס א גן עדן!**

דער רבי מאכט גן עדן; דער רבי זאגט דיר אז דער אויבערשטער האט דיר ליב. דער רבי זאגט דיר: דו ביסט א בחור וואס דו האלסט נישט ביים טרינקען. דו האסט אפגעמאכט אז דו האלסט נישט ביים טרינקען; **דו מיט טרינקען זענען נישט מחותנים. זאגט דער אויבערשטער: "איך מיט דיר זענען יא מחותנים"**. דו ביסט אפגעהאקט ביי דיר פון טרינקען; איך בין מיט דיר מחובר. אזוי גייט עס.

דאס הייסט, אז ווען א מענטש נעמט אריין ביי זיך אז ס'שטייט אז דער אויבערשטער האט ליב ווער ס'שיכור'ט נישט, און ער ווייסט אז דער רבי זאגט נישט שיכור'ן ז – געענדיגט! איז דאס וואס איך פאלג דעם רבי'ן, און איך וויל נישט שיכור'ן, פאר דעם אליין האט מיר שוין דער אויבערשטער ליב. פאר דעם אליין וואס איך וויל נישט שיכור'ן האט מיר שוין דער אויבערשטער ליב. [דער טעם פון דעם אויבערשטער איז, אז ער האט ליב ניכטערע מענטשן...].

## תרי"ג מיני גן־עדן

(שואל: מיטן אנעמען א דיבור פון רבי'ן בתמימות ובפשיטות גייט מען ארויס פון גיהנם פון דער וועלט?)

יא. יעדע ווארט פון דעם רבי'ן, בתמימות ובפשיטות, דאס איז א ווארט פון

---

**ז.** ראה שיש"ק חלק ג', ערך שיכרות.

גן עדן. האסט געהערט די ווארט? וואס מער דו וועסט הערן די ווארט, דער ווארט מאכט דיר גן עדן ממש[ח].

קענסט זיך ארומדרייען א גאנצן טאג פריילך: "דער אויבערשטער האט מיר ליב, דער אויבערשטער האט מיר ליב! ברוך ה', איך שיכור נישט, דער אויבערשטער האט מיר ליב. איך בין נישט קיין שיכור, דער אויבערשטער האט מיר ליב. דער אויבערשטער האט ליב איינער וואס שיכור'ט זיך נישט. ס'איז טעם גן עדן.

(שואל: די גיהנם איז עצבות?) עצבות איז כולל אלע מיני שלעכטע יסורים. דאס איז עצבות. דאס איז דער גיהנם, דאס איז דער גיהנם. אזא מרירות, אזא ביטערקייט...

(שאלה: וואס דער רבי האט געזאגט: **"כי בכאן נראה שהוא הגיהנם"**[ט], מיינט אז דא איז עצבות?) יא. דא איז א פלאץ וואס ס'איז כולו עצבות. מ'האט נישט קיין שום חיות דא. אלעס איז נאר ביטערקייט: **"יש לו מנה רוצה מאתיים"**. יעדע זאך – קנאה, תאוה, כבוד – א גאנצע צייט. ס'איז א ביטערע וועלט, ס'איז א ביטערע וועלט. און **דער וואס הערט וואס דער רבי רעדט, ווערט ביי אים א גן עדן**[י].

---

**ח.** ראה עלים לתרופה מכתב צ"א: וּמֵעַתָּה תָּגִיל וְתָשִׂישׂ בִּישׁוּעַת ה' אֲשֶׁר הִפְלִיא חַסְדּוֹ עִמָּנוּ אֲשֶׁר לֹא הָיְתָה כָּזֹאת מִימֵי קֶדֶם. מֵאֵת ה' הָיְתָה זֹּאת הִיא נִפְלָאת בְּעֵינֵינוּ שֶׁיִּזְכּוּ אֲנָשִׁים כָּאֵלֶּה בַּדּוֹרוֹת הָאֵלֶּה לֵידַע מִנִּפְלָאוֹת נוֹרָאוֹת כָּאֵלֶּה שֶׁהֵם סוֹדוֹת נוֹרָאוֹת עֲמֻקּוֹת מְאֹד מְאֹד, נִמְשָׁכִים מִמָּקוֹר עֶלְיוֹן נוֹרָא וְקָדוֹשׁ מְאֹד, וְהֵם נְעִימִים וּמְתוּקִים מְאֹד לְאֹזֶן שׁוֹמְעוֹת לְאֹזֶן מִלִּין תִּבְחַן בֶּאֱמֶת, וְעַל כָּל אֵלֶּה הֵם **מְחַיִּין וּמְשִׂיבִין וּמַגְבִּיהִין וּמְרִימִין כָּל הַחוֹלִים וְכוּ' כָּל הַנְּפָשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, כָּל מִי שֶׁיִּרְצֶה לְהַטּוֹת אָזְנוֹ אֲלֵיהֶם בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וּבִתְמִימוּת**. מַה נֹּאמַר מַה נְּדַבֵּר, חֲזַק בְּנִי וַחֲזַק, הֲפֹךְ דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנּוֹרָאִים מְאֹד הֲפֹךְ בָּהֶם וַהֲפֹךְ בָּהֶם, וְסִיב וּבְלֵה בָּהֶם, וּמֵהֶם לֹא תָּזוּעַ, שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה מֵהֶם.

**ט.** ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה קי"ט. (וראה עוד בשיחות הר"ן ש"ח ובליקוטי הלכות נטילת ידים ו, ס"ד).

**י.** ראה עלים לתרופה מכתב ק"ז: וּזְכֹר הֵיטֵב הַלָּשׁוֹן הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה שֶׁגִּלָּה הוּא זַ"ל בִּלְשׁוֹנוֹ הַקָּדוֹשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן כ"ג שֶׁחֶמְדַּת הַמָּמוֹן הוּא מְרִירוּתָא דְעָלְמָא, מַר מִמָּוֶת, וְהוּא נִמְשָׁךְ מִפְּגַם הַבְּרִית, **וְאִי אֶפְשָׁר לְהַמְתִּיקוֹ כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּרִית מֶלַח עוֹלָם שֶׁהוּא הַצַּדִּיק הָאֱמֶת**. תֵּדַע וְתַאֲמִין שֶׁכָּל הָעוֹלָם מָלֵא מְרִירוּת יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר עוֹבֵר עָלֶיךָ, **מַה נָּשִׁיב לַה' אֲשֶׁר אָנוּ זוֹכִים לֵידַע מֵהַצַּדִּיק**

א בחור שטייט אויף אינדערפרי: "אויש, איך דארף שוין אויפשטיין, איך דארף שוין לויפן צום דאווענען... איך דארף שוין; איך דארף שוין, איך דארף לערנען, איך דארף דאווענען..." פון יעדע זאך האט ער נאר גיהנם. אנשטאט תרי"ג מצות האט ער תרי"ג מיני גיהנם... יעדע מצוה מאכט אים נאך א גיהנם, מאכט אים נאך א עגמת נפש.

**און דער רבי מאכט אים אז די תרי"ג מצות זאלן ווערן תרי"ג מיני גן עדן. "אה, ב"ה, דו שיכור'סט נישט! ב"ה, דו גייסט מיט ציצית!".**

(זאגט א מענטש:) "ציצית, וואס איז די נושא ציצית? איך גיי דאך מיט ציצית. ווער רעדט פון דעם?" –אויב דו וועסט גיין תכלת, הייסט דאס ציצית. נע, אויב דו גייסט די ראדזינ'ער תכלת, הייסט דאס נישט תכלת. אויב דו וועסט גיין מיט די תכלת וואס איז לעצטנס נתחדש געווארן אז דאס איז די אמת'ע תכלת, דעמאלט'ס הייסט דאס תכלת... וואס דו האסט שוין, איז גארנישט – דאס הייסט אז די מצוה איז א גיהנם. **און דער רבי? יעדע זאך: "אה, דו**

---

**הָאֱמֶת יְסוֹד הָעוֹלָם, שֶׁהוּא מַמְתִּיק הַמְּרִירוּת שֶׁל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ.** וּבְוַדַּאי הַחוֹסִים בְּצִלּוֹ וּמִתְקָרְבִים אֵלָיו נִמְתָּק מֵהֶם הַמְּרִירוּת הַרְבֵּה יוֹתֵר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁזּוֹכִים בְּכָל יוֹם לַחֲטֹף טוֹב וְעֵצוֹת עַל פִּי דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ שֶׁזָּכִינוּ לָזֶה, וּבָזֶה תָּגִיל וְתָשִׂישׂ בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת. וְתִבְרַח מִכָּל הָרַעְיוֹן וְתִמְהוֹן לֵבָב שֶׁעוֹבֵר עָלֶיךָ אֶל מַחְשְׁבוֹת תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְשִׂמְחָה וּבִטָּחוֹן וְהִתְחַזְּקוּת בְּחַסְדֵי ה' וּבְחֶמְלָתוֹ הַגְּדוֹלָה לָנֶצַח.

ובמכתב קל"ג: **וְדַע וְהַאֲמֵן שֶׁמִּקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים עַד גָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים כֻּלָּם צְרִיכִין לִסְבֹּל מְרִירוּת גָּדוֹל בְּכָל יוֹם בְּזֶה הָעוֹלָם** כָּל אֶחָד לְפִי עֶרְכּוֹ, אַךְ 'אִלְמָלֵא מִלְחָא לָא הֲוֵי עָלְמָא יָכוֹל לְמִסְבַּל מְרִירוּתָא'. וּמַה גָּדְלוּ חַסְדֵי ה' שֶׁאֵין אָנוּ מִתְנַגְּדִים עַל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוּא בְּחִינַת "בְּרִית מֶלַח עוֹלָם", שֶׁהוּא מַמְתִּיק הַמְּרִירוּת שֶׁל כָּל הָעוֹלָם, וְהֵם מְשַׁלְּמִים לוֹ רָעָה תַּחַת טוֹבָה וְחוֹלְקִים עָלָיו, יִסְלַח לָהֶם ה', וּבָרוּךְ הַשֵּׁם שֶׁאָנוּ נִצַּלְנוּ מִזֶּה. גִיוַואלְד! דִּיא וֵויסְט גָאר נִיט וָואס סֶע טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט [אֲהָה! אֵינְךָ יוֹדֵעַ כְּלוּם מִמַּה שֶּׁקּוֹרֶה בָּעוֹלָם] וְכוּ'. וַהֲרֵי אָנוּ רוֹאִים שֶׁכָּל מִי שֶׁרוֹדֵף בְּיוֹתֵר אַחַר הָעוֹלָם הַזֶּה חַיָּיו מָרִים בְּיוֹתֵר. וְאִם גַּם אַתֶּם אֵינְכֶם נְקִיִּים לְגַמְרֵי מִתַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה וַהֲבָלָיו, עַל כָּל פָּנִים אַתֶּם יוֹדְעִים הֵיטֵב שֶׁהַכֹּל הֶבֶל וָרִיק, וְאַתֶּם יוֹדְעִים מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַמַּמְתִּיק הַמְּרִירוּת, וְכָל תִּקְוַתְכֶם אֵלָיו, וְכָל מְגַמַּת פְּנֵיכֶם לֵילֵךְ בִּדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְהַרְבֵּה הַרְבֵּה נִצַּלְתֶּם מִכַּמָּה וְכַמָּה מִינֵי מְרִירוּת בְּלִי שִׁעוּר בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא.

**גייסט מיט ציצית. דו שיכור'סט זיך נישט...",** (ער ברענגט אריין א שמחה און א חיות אין יעדער זאך [יא].)

## "להסתכל בשכל שבכל דבר"

שוין, לאמיר זעהן א שטיקל דא. איך ליין דא פאר א שטיקל [איך האב עס נעכטן פארגעליינט]: "**כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר**". אלע ווייסן פון דעם, יא? תורה א', אלע קענען תורה א' – "להסתכל בשכל של כל דבר". א "איש הישראלי" שטייט דא, נישט עפעס

---

**יא.** ראה עלים לתרופה מכתב ש"ו: חֲזַק וֶאֱמַץ בְּנִי חֲבִיבִי **לֵילֵךְ בְּדִבְרֵי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ ז"ל** לְהִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם עַל הַהַרְחָבוֹת וְהַיְשׁוּעוֹת וְכוּ' **וּלְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמְךָ בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה טוֹבָה** שֶׁחוֹטְפִין בְּכָל יוֹם וָיוֹם וכו'. **כִּי עַתָּה אִי אֶפְשָׁר לְדַלֵּג וְלִקְפֹּץ עַל הַגֵּיהִנֹּם שֶׁהוּא זֶה הָעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר בְּפֵרוּשׁ, כִּי אִם עַל יְדֵי עֵצוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת** הָעֲמֻקּוֹת וְהַתְּמִימוֹת וּפְשׁוּטוֹת מְאֹד לְכָל אָדָם וְאָדָם יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּכָל מָקוֹם וּבְכָל זְמַן וּבְכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא. חֲזַק וַחֲזַק וּבְטַח בַּה' כִּי לֹא יַעֲזֹב אוֹתְךָ כִּי הַכֹּל לְטוֹבָתְךָ לָנֶצַח.

ובמכתב ת"נ: חֲזַק אָחִי וַחֲזַק וכו'. וַאֲפִלּוּ בְּכָל מָקוֹם וְדַרְגָּה שֶׁהָאָדָם הוּא שָׁם צָרִיךְ לִהְיוֹת כְּעַמּוּדָא תַּקִּיף בְּכֻלָּה לִבְלִי לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מִן הַצְּעָקָה וְהַתְּפִלָּה וְכוּ' **וְלִהְיוֹת חָזָק מְאֹד בְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁל אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ ז"ל** הַנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, כִּי לֹא דָּבָר רֵיק הוּא מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל כָּל אָדָם בְּכָל יוֹם מִסְפַּר יְמֵי חַיֵּי הֶבְלוֹ מִי יוֹדֵעַ וְכוּ', **אַשְׁרֵינוּ שֶׁבָּזֶה הַצֵּל עוֹבֵר, בָּזֶה הַגֵּיהִנֹּם, בָּזֶה הַמְּרִירוּת וְכוּ', אָנוּ יוֹדְעִין מִצַּדִּיק חַי עָלְמִין כָּזֶה וְכוּ' שֶׁיָּכוֹל לְשַׂמֵּחַ וּלְהַחֲיוֹת גַּם אוֹתָנוּ**. וְלַה' הַתִּקְוָה שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ.

ובמכתב תנ"א: כִּי דְּבָרִים כָּאֵלּוּ עוֹבְרִים בְּכָל הָעוֹלָם כַּמְבֹאָר בְּכָל הַסְּפָרִים מִמְּרִירוּת זֶה הָעוֹלָם כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ ז"ל **שֶׁנִּרְאֶה שֶׁבְּכָאן הוּא הַגֵּיהִנֹּם**. וְאַף עַל פִּי כֵן אָנוּ חוֹטְפִין בְּכָל יוֹם לוֹמַר קְרִיאַת שְׁמַע לְיַחֵד שְׁמוֹ יִתְבָּרֵךְ פַּעֲמַיִם בְּכָל יוֹם וְטַלִּית וּתְפִלִּין וְכוּ', זֶה חֶלְקֵנוּ מִכָּל עֲמָלֵנוּ. וְאָנוּ צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל עֹז לִשְׂמֹחַ בְּכָל מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל הָאָדָם בְּכָל יוֹם, **לְקַיֵּם וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תוֹרָתְךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד** כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְכוּ'. **וְהַכֹּל עַל פִּי מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה שֶׁל הַנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שֶׁבְּכֹחוֹ הַגָּדוֹל וּדְבָרָיו הָעֲמֻקִּים וְהַתְּמִימִים הוּא מְשַׂמֵּחַ גַּם אוֹתָנוּ בְּנִפְלְאוֹתָיו הָעֲצוּמִים**, עֲדֵי נִזְכֶּה מְהֵרָה לָצֵאת מִכָּל הַצָּרוֹת נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ.

א גרויסער צדיק. פשוט, יעדער איש הישראלי. "צריך תמיד", נישט אמאל אמאל – נאר "תמיד", שטענדיג.

זאגט דער רבי: "**וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ**", נישט גענוג אז ער קוקט; ער דארף אויך זיין מקושר "**אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר**". פארוואס? "**כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר**". א איד, ווי דארף א איד קוקן? יעדע זאך דארף ער קוקן בשכל שבכל דבר, כדי ס'זאל אים לייכטן דער "שכל שיש בכל דבר", ער זאל נתקרב ווערן צו ה' יתברך "על ידי אותו הדבר". יעדער זאך וואס א איש הישראלי קוקט, דארף ער דורך דעם זעהן א שכל, און דורך דעם נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

"**כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא אוֹר גָּדוֹל**", ס'איז דא א גרויסע ליכטיגקייט, "**וּמֵאִיר לוֹ בְּכָל דְּרָכָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו'**". ס'דארף ליכטיג מאכן דעם מענטשן.

"**וְזֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב**". דאס איז געווען יעקב. יעקב האט זוכה געווען צו בכורה, וואס דאס איז "**רֵאשִׁית**"; דאס איז שכל-חכמה, "**רֵאשִׁית חָכְמָה**". [יעקב איז דער לשון "**וַיַּעַקְבֵנִי**". "**הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב וַיַּעְקְבֵנִי**", זאגט דער תרגום: "**וְחַכְּמַנִי**"]. א איש הישראלי, וואס איז יעקב-ישראל, איז א שטיק חכמה!

וואס הייסט א איד? א איד איז א שטיק חכמה. יעדער זאך זעט ער חכמה, און די חכמה מאכט אים ליכטיג אין יעדער זאך, און דאס איז אים מחיה, ווייל "**הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל, הוּא הַחִיּוּת שֶׁל כָּל דָּבָר**". דערפאר רופט זיך עס חי"ת - "**הַחָכְמָה תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ**", אזא מענטש איז מלא חיות. אז א מענטש זעט אין יעדער זאך דעם שכל, איז ער מלא חיות.

"**אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד**", מ'קען נישט פארשטיין דעם שכל; ס'איז זייער גרויס צו דאס פארשטיין מיט אונזער שכל, "**אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל יְדֵי בְּחִינַת נוּן, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת**".

"**וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ**". א מענטש דארף וויסן: איך ווייס נישט גארנישט. איך ווייס איין

זאך - איך ווייס נישט קיין שכל, אבער איך בין מקבל פון דעם שכל. ס'איז דא דער שכל; איך האב גארנישט. נאר ווייל דער שכל וואס איז דא דא - דער ביטול וואס מ'האט צום מלכות, מ'איז זיך מבטל צום שכל - אזוי איז מען מקבל. דעמאלט'ס ווערט "**אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה**", אז ס'לייכט די לבנה אזוי ווי די חמה.

א מענטש, אפילו ער פארשטייט נישט, ער ווייסט נישט די חמה אליין; ס'איז נאר לבנה. אבער די ליכטיגקייט פון די לבנה קען ווערן ממש אזוי ווי די חמה. אויב די לבנה ווערט בטל אינגאנצן צו די חמה, ווערט די לבנה ממש א שטיק חמה. אזוי דארף זיין יעדער איד[יב].

---

**יב.** וראה בליקוטי הלכות הל' פקדון ד, כ"א: כִּי בֶּאֱמֶת עִנְיָן זֶה לְקַשֵּׁר הַחִיצוֹנִיּוּת אֶל הַפְּנִימִיּוּת, דְּהַיְנוּ לְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר עַל הַשֵּׂכֶל הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ וּלְהִתְקָרֵב עַל יְדֵי כָּל הַדְּבָרִים לַה' יִתְבָּרַךְ, זֶה הָעִנְיָן הוּא גָּבֹהַּ וְנֶעְלָם מְאֹד מִבְּנֵי אָדָם וְאִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לָזֶה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וכו'. עַל כֵּן עִקַּר הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל הָאֱמֶת הוּא הָאֱמוּנָה שֶׁהִיא כְּלַל הַתּוֹרָה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה, הַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִים לְהִתְנַהֵג בְּכָל דָּבָר עַל פִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה וּכְשֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּאֵיזֶה דָּבָר יֵדַע וְיַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה **שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ בְּזֶה הַדָּבָר שֵׂכֶל גָּדוֹל וִיכוֹלִין לְהַכִּיר בְּזֶה הַדָּבָר גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ וּלְהִתְקָרֵב עַל יְדֵי זֶה לַה' יִתְבָּרַךְ**. וְאִם יִזְכֶּה לֵידַע וּלְהָבִין בָּזֶה אֵיזֶה שֵׂכֶל הַנּוֹגֵעַ לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ מַה טּוֹב, וְאִם לָאו יְצַמְצֵם שִׂכְלוֹ וְיִסְמֹךְ עַל אֱמוּנָה עַד שֶׁיִּזְכֶּה שֶׁיְּזַכֵּךְ גּוּפוֹ כָּרָאוּי אָז יִזְכֶּה לְהָבִין כָּרָאוּי לוֹ. אֲבָל עַל כָּל פָּנִים אֲפִלּוּ כָּל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מֵבִין הֵיטֵב הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, הוּא מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שֶׁבֶּאֱמֶת יֵשׁ בּוֹ חָכְמָה וְשֵׂכֶל גָּדוֹל כִּי כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל לְהִתְקָרֵב עַל יְדֵי זֶה לַה' יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי זֶה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כָּל פָּעַל ה' לְמַעֲנֵהוּ וְכוּ'.

כִּי זֶה **עִקַּר הַבְּחִירָה מַה שֶּׁאֵין מְבִינִים וְרוֹאִים הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁהוּא הַחִיּוּת אֱלֹקוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר**. כִּי אִם הָיוּ הַכֹּל רוֹאִין זֹאת עַיִן בְּעַיִן בְּוַדַּאי לֹא הָיָה שׁוּם בְּחִירָה, כִּי בְּוַדַּאי הָיוּ הַכֹּל בּוֹחֲרִין בְּחָכְמָה וְשֵׂכֶל שֶׁהוּא עִקַּר עֶצֶם הַטּוֹב וְהַנְּעִימוּת שֶׁל כָּל דָּבָר אֲשֶׁר אֵין לְמַעְלָה מִמֶּנּוּ, וּמִי פֶּתִי יָסוּר לְהַשְׁלִיךְ נְעִימוּת מָתוֹק כָּזֶה וּלְהַמְשִׁיךְ אַחַר עֲכִירַת וְגַשְׁמִיּוּת עָב. אַךְ מֵחֲמַת שֶׁה' יִתְבָּרַךְ בְּחָכְמָתוֹ הֶעֱלִים מֵהָעוֹלָם הַחָכְמָה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר וְאִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיגוֹ כִּי אִם עַל יְדֵי עֲבוֹדָה וִיגִיעָה רַבָּה בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת, וְגַם אַחַר כָּךְ אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג בְּזֶה הָעוֹלָם עַד הַתַּכְלִית הָאַחֲרוֹן כִּי אִם לֶעָתִיד לָבוֹא שֶׁתִּמָּלֵא הָאָרֶץ דֵּעָה וְכוּ'.

[..] וְעַל כֵּן מֵחֲמַת שֶׁעַתָּה אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג וּלְהָבִין הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ הַבְּחִירָה. **וְיִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים מַאֲמִינִים בְּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ וּבְתוֹרָתוֹ וּבְכָל הַצַּדִּיקִים שֶׁאַחֲרָיו וְהוֹלְכִים בְּדַרְכֵיהֶם וּמַאֲמִינִים שֶׁבְּכָל דָּבָר יֵשׁ בּוֹ פְּנִימִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּת שֶׁהוּא הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר**

**"אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַשֵּׂכֶל וְהַחָכְמָה וְהַחִיּוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר"**, ווער ס'מאכט נישט אזוי, זאגט דער רבי – **"זֶה בְּחִינַת עֵשָׂו"** וואס ער האט מבזה געווען די בכורה; ער לאכט פון דעם שכל, **"בְּחִינַת 'לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה, כִּי אִם בְּהִתְגַּלּוֹת לִבּוֹ'"**. ער קען נישט ליידן די גאנצע מעשה. דאס איז עשו - מבזה די בכורה, מבזה די שכל.

און דאס איז דער יצר טוב און דער יצר הרע. דער יצר טוב רופט זיך **"מִסְכֵּן וְחָכָם"**, מסכן הייסט: **"בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת עֲנִיָּה וְדַלָּה, דְּלֵית לָהּ מִגַּרְמָהּ כְּלוּם, כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵחָכְמָה"**, ער האלט זיך קליין. ער ווייסט אז ס'איז דא א חכמה, און ס'אינטערעסירט אים גארנישט נאר וואס די חכמה איז. און דער יצר הרע איז **"מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל, בְּחִינַת מַלְכוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, שֶׁאֵינָהּ חֲפֵצָה בְּחָכְמָה וָשֵׂכֶל, בְּחִינַת 'לֹא יַחְפֹּץ כְּסִיל בִּתְבוּנָה'"**. אזוי זאגט דער רבי.

שפעטער זאגט דא דער רבי, אז דורך לערנען תורה איז מען זוכה צו מחזק זיין די כח פון דער יצר טוב, מ'זאל זוכן דעם שכל אין יעדער זאך, מ'זאל זיך מבטל זיין צום שכל און מכניע זיין דעם יצר הרע. און שפעטער זאגט דער רבי, אז דורך דעם איז מען זוכה, ס'זאל נתקבל ווערן אלע תפילות ובקשות. ס'ווערט פון דעם **ח'** מיט דעם **נ'** – **ח"ן** – און די תפילות ווערן נתקבל. אזוי זאגט דער רבי.

א ברסלב'ער בחור וואס לערנט עס, אויב ער הערט וואס דער רבי רעדט און ער מישט זיך נישט אריין – אזוי ווי מ'האט גערעדט פריער, נישט ער הויבט אן רעדן: "וואס זאגט דא דער רבי? וואס זאגט דא דער רבי?" – דער רבי זאגט, אז אזוי דארף זיין א איד.

**און מיר ווייסן א כלל: אלע זאכן וואס דער רבי האט אונז געלערנט, דארף מען מתפלל זיין אויף דעם, מאכן פון תורות תפילות. דאס איז דער**

---

**שֶׁהוּא תַּכְלִיתוֹ**, וּמִתְנַהֲגִים בְּכָל דָּבָר עַל פִּי הַתּוֹרָה, וְעַל יְדֵי זֶה מְקַשְּׁרִים הַחִיצוֹנִיּוּת אֶל הַפְּנִימִיּוּת עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה וכו'.

**עיקר**; מיט דעם איז מען קונה אלץ וואס מ'לערנט ביים רבי'ן, מ'בעט דעם אויבערשטן [יג].

דער מענטש, ער שטייט ביים פתח הגן עדן [יד]. ער הערט אזא זאך, דער רבי זאגט אים: "זאלסטו וויסן, ביסט א ברסלב'ער בחור. איך זאג דיר קלאר, איך זאג דיר ווי אזוי דו דארפסט טראכטן. דארפסט טראכטן: 'איך האב נישט קיין שכל'. די וועלט איז פול מיט שכל, דער לעבן איז פול מיט שכל. לאמיר נישט רעדן סתם, נישט זאגן א גאנצע צייט אייגענע פירושים. אז איך זאג אליין פירושים, דאס איז "**לא יחפוץ כסיל בתבונה**" – איך זאג אליין פירושים, איך רעד זיך איין אז איך פארשטיי אליין. ניין, איך פארשטיי נישט (אליין) – ס'דא א אור גדול, וואס מיט דעם אור גדול קען איך מקורב ווערן צום אויבערשטן.

## טויזנט שעה מסכת קידושין

איך האב זיי געגעבן א דוגמא – ס'איז געזעצן אפאר בחורים פון (ישיבת רמ"א – איך האב זיי געזאגט: וואס א מסכתא האט מען אנגעהויבן ביי אייך יעצט? מסכת קידושין!

וויפל חדשים איז דא אין א זומער זמן? פינעף חדשים איז דער זמן. יא? וויפל שעה א טאג איז דא וואס מען זיצט מיט די מסכתא אין א ישיבה?

---

**יג.** ראה בהקדמת הליקוטי תפילות ובליקוטי הלכות הל' ראש חודש הלכה ה'.

**יד.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה י"ז אות ב: כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁנֶּחֱשָׁךְ אֵצֶל אֶחָד אוֹר הַצַּדִּיק וְאֵינוֹ זוֹכֶה לְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל וְאַף שֶׁהוּא אֵצֶל הַצַּדִּיק אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעֹם וּלְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק שֶׁעַל יָדוֹ יוּכַל לָבוֹא לְתַכְלִית הַטּוֹב. וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ גַּבֵּי עֶפְרוֹן שֶׁמְּקוֹם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה שֶׁהוּא שַׁעַר גַּן עֵדֶן שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם עוֹלִין כָּל הַנְּשָׁמוֹת וְאוֹרוֹ גָּדוֹל מְאֹד אַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ הָיָה מְקוֹם חשֶׁךְ וַאֲפֵלָה וכו' וְזֶה מֵחֲמַת עֲכִירַת הַמַּעֲשִׂים וּכְסִילוּת הַשֵּׂכֶל, שֶׁעַל יְדֵי מַעֲשִׂים רָעִים נִתְחַשֵּׁךְ שִׂכְלוֹ בִּכְסִילוּת דְּהַיְנוּ דֵּעוֹת נִפְסָדוֹת וְחָכְמוֹת נָכְרִיּוֹת וכו'.

ארום צען שעה א טאג. יא? פיר, פיר, צוויי – דאס איז בערך די סדרים. צען שעה א טאג זיצט מען מיט די מסכתא. איך רעד נישט צו דו לערנסט עס יא צו דו לערנסט עס נישט, צו דו לערנסט א ביסל צו אסאך... אבער צען שעה דרייט זיך אין די לופט, צען שעה א טאג דרייט זיך דא ארום קידושין.

וויפל טעג איז דא א וואך? פינעף טעג א וואך וואס מ'לערנט אין א ישיבה. פינעף מאל צען, זענען פופציג שעה א וואך. אלץ רעד איך בערך. עכ"פ, פופציג שעה א וואך. וויפל איז דא א חודש? בערך פיר וואכן. פיר מאל פופציג, זענען צוויי הונדערט. פינעף חדשים איז טויזנט. **טויזנט שעה אין דעם זומער דרייט זיך דער לעבן ארום קידושין!**

וואס הייסט קידושין? וואס איז קידושין? איינער זאגט: "איך האב נישט קיין געדולד צו די גאנצע מעשה דא. איך האב נישט קיין געדולד צו די ישיבה". ער האט נישט קיין נערוון צו די גאנצע מעשה. דאס הייסט אז ער איז 'מסתכל בשכל שבכל דבר'?

ווער האט דאס געמאכט? דער רבונו של עולם. ער האט עס געמאכט. דער רבש"ע האט געמאכט אז דו ביסט א מחותן מיט מסכת קידושין א האלבע יאר. טויזנט שעה גייסטו זיך אנטרעפן מיט מסכת קידושין, ווען דו לערנסט עס יא, ווען דו לערנסט עס נישט, וואספארא אופן ס'איז – דאס איז דער מציאות. ס'איז דא דא א קדושה! מ'ווייסט דאך אז מ'זאגט נאך דער מסכתא: " **הדרן עלך והדרך עלן, לא נתנשי מינך ולא תתנשי מינן**" ס'טוט זיך דא עפעס. א מסכתא[טז].

---

**טז.** ראה ברוחא דחיי מאמר התמדת התורה: א מענטש דארף וויסן - מ'זאגט דאך ביי די סיום מסכתות, צום ביישפיל (לדוגמא) ווען איינער ענדיגט מסכת בבא בתרא, זאגט מען: "**הדרן עלך והדרך עלן, לא נתנשי מינך ולא תתנשי מינן**". דאס מיינט: מיר זאלן דיר נישט פארגעסן, און דו זאלסט אונז נישט פארגעסן. דא זעט מען דאך, אז א מסכתא איז א לעבעדיגע זאך. א מסכתא איז א לעבעדיגע זאך! אז מ'געזעגנט זיך פון א מסכתא זאגט מען: דיין שיינקייט איז אויף מיר, און מיין שיינקייט איז אויף דיר - ס'איז דא עפעס א קשר צווישן אונז. 'הדרך עלן

האסט צוויי אופנים ווי אזוי צוגיין צו די גאנצע זאך. קענסט צוגיין צו די גאנצע זאך: "איך האב נישט קיין געדולד. איך האב נישט קיין געדולד צו די לימודים, איך האב נישט קיין געדולד צו די ישיבה, איך האב נישט קיין געדולד צו די גאנצע מעשה...".

ער איז זיך בכלל נישט מחבר צו די מסכתא. אבער אף על פי כן, ער האט נישט קיין ברירה. יעדער בחור, צו ער וויל, צו ער וויל נישט, ער מוז אביסל לערנען. מען שטייט אים אויפן קאפ, ער מוז אביסל לערנען. אביסל ג'יפעט ער, א אהער א אהין. ענדע, ביז סוף זמן גייט עפעס ארויס פון די גאנצע מסכתא. עפעס גייט ארויס.

מ'וועט זאגן אז ער האט זיך ממצה געווען? יעדער איינער קען זאגן אז ער האט געקענט צען מאל אזוי פיל (ארייננכאפן), צו נישט מער. אבער עפעס איז ארויס פון דעם. ער וועט זיך טרעפן, יענער, אין צען יאר ארום, אין צוואנציג יאר ארום, וועט ער זעהן אז ער האט שייכות מיט קידושין, וואס איז אריין געגאנגען אין אים געצוואונגענערהייט. **געצוואונגענערהייט קען ער אן א שיעור זאכן פון קידושין; צו ער האט געוואלט, צו ער האט נישט געוואלט** – ער האט געמוזט לערנען קידושין, און עס ליגן אין אים זאכן פון קידושין.

אבער מיט וואספארא אופן האט אריינגעגאנגען אין אים די גאנצע מסכתא? אלץ האט א ביטערקייט. געשפירט האט ער א טעם גיהנם א גאנצן טאג...

---

והדרן עלך' - דיין 'הדר' איז אויף מיר, און מיין 'הדר' איז אויף דיר. מיר וועלן דיר חזר'ן! 'לא נתנשי מינך' איך וועל דיר נישט פארגעסן, איך זאל נישט פארגעסן די מסכתא. 'לא תתנשי מינן' - דו וועסט מיר נישט פארגעסן; מ'בעט זיך ביי דער מסכתא, אז זי זאל אונז אויך נישט פארגעסן. (וראה בליקו"מ תורה ע"ז וברוחא דחיי קונטרס ז').

## הער זיך צו – וועט דיר זיין ליכטיג!

און וואס זאגט דער רבי? דער רבי זאגט: "קוק אויפן שכל פון דעם. זאלסטו וויסן אז ס'איז א אור גדול. דער רבש"ע האט דיר געגעבן א מתנה. מ'רעדט נישט וועגן א קלייניקייט, האסט געזעהן עפעס א זאך, 'להסתכל בכל דבר' – מ'רעדט דא וועגן א דבר וואס איז א דבר מרכזי אין דיין לעבן, א האלבע יאר, א האלבע יאר איז דאס דער דבר היותר מרכזי פון דיין לעבן. רוב צייט פון דעם טאג דיינע, דרייט זיך ארום דעם.

וויפל ביסטו מקושר צום שכל? צו דעם "חכמת אדם תאיר פניו"?! וויפל ביסטו מקושר? וויפל בעטסטו דער אויבערשטער: "רבש"ע, העלף מיר, איך זאל זוכה זיין צו באקומען די ליכטיגקייט אין די זאך. איך זאל נישט רעדן און זאגן א גאנצע צייט: אוף, איך האב נישט קיין געדולד...".

דו רעדסט, להבדיל, אזוי ווי עשו. "**ויבז עשו**", ער האט נישט קיין געדולד צו גארנישט... פארוואס ביסטו נישט מלא חיות? פארוואס זוכסטו נישט די חיות וואס ליגט דא? ס'ליגט דא א חיות! ס'ליגט דא עפעס א שכל, וואס דו קענסט נתקרב ווערן צום אויבערשטער. דער רבש"ע האט געמאכט אז דורך מסכתא קידושין קענסטו נתקרב ווערן צום אויבערשטן. אפילו דו ווייסט נישט ווי אזוי.

**אבער אז דו בעטסט דער אויבערשטער: "רבונו של עולם, איך וויל זיין א ברסלב'ער חסיד. דער רבי האט מיר געלערנט אז מ'דארף קוקן יעדע זאך "בשכל שבכל דבר"...", און אז מ'בעט - באקומט מען.**

בפרט אז מ'בעט אזעלכע דברי חן וואס דער רבי האט געזאגט, ווערן די בקשות נתקבל[טז]. ס'ווערט נתקבל, און דער מענטש באקומט; ער ווערט א

**טז.** ראה ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה, ו.

אנדערער מענטש. ער באקומט א געשמאק, ער באקומט א געשמאק אין די מסכתא. ס'איז דא אזא געשמאק, ס'איז דא נאך מער א געשמאק, ס'איז דא אסאך מדריגות אין געשמאק... אבער ער באקומט א געשמאק אין די מסכתא. ער באקומט א געשמאק, **ער באקומט א אמונה אין די מסכתא, ער גלייבט אז ס'טוט זיך דא עפעס. ער גלייבט אין דעם. הויבט עס אויף זיין לעבן. מאכט דער רבי זיין לעבן פאר א גן עדן.**

איך האב עס אנגעכאפט נאר אלץ דוגמא. איך האב אנגעכאפט איין תורה, איך האב אנגעכאפט א נושא. איך האב געברענגט א משל פון שיכרות. איך ברענג אלץ ארויס די זאך (ווי אזוי דער רבי מאכט א גן עדן).

אבער אויב דו גייסט צו ערנסט צו וואס דער רבי זאגט. ביסטו א תלמידביים רבי'ן; דער רבי זאגט, און דו הערסט. און אז ס'זעט דיר אויס שווער, ס'זעט דיר אויס ווייט – ביסטו מתפלל, ביסט זיך מחזק. אזוי, פון יעדע ביסל וואס דו ביסט מקיים, און דו בעטסט ווייטער, הויבט אן ווערן ביי דיר א גן עדן.

ס'איז א דוגמא פון איין נושא, אבער יעדער נושא וואס דער רבי רעדט איז אזוי. יעדע זאך וואס דער רבי רעדט – אויב דו הערסט זיך צו צום רבי'ן, און דו בעטסט דעם אויבערשטן, און דו דרייסט נישט דעם קאפ – ביסט נישט פארנומען א גאנצע צייט צו פרעגן קשיות, א גאנצע צייט זוכן עפעס אוועקצוגיין פון דעם ענין; נאר ביסט זיך מחבר צו דעם ענין – ווערט א גן עדן.

דארפסט נישט זוכן אז מ'זאל מאכן א גאנצע קעמפ, זאלסט האבן א גן עדן... דער גן עדן שטייט דיר פאר די אויגן! דער גן עדן שטייט דא פאר די אויגן! **איך זאג נישט קיין 'מגידות' דא; דאס איז דער אמת. דאס איז דער רבי. דער רבי גיבט אריין א טעם פון גן עדן, א טעם פון גן עדן ממש!**

## שענערע מעשיות פון 'כרמלי'...

איך האב עס געזאגט ביי די חבורה אין קעמפ. ס'איז געווען, מ'האט געברענגט דארטן איינעם א איד "כרמלי", וואס ער דערציילט כל מיני אינטרעסאנטע זאכן, ווי ער פארט ארום אין די גאנצע וועלט. איך האב געמאכט א חשבון הנפש פארדעם צו איך זאל אריינגיין צו נישט. איך האב געטראכט: איך האב שוין געהערט פון אים אפאר יאר צוריק, וואס וועט מיר צוגעבן צו וויסן נאך א פאר אינטרעסאנטע זאכן? [איך האב גראדע א נאטור פון נייגער...].

למעשה, בין איך נישט אריין. אין די צייט וואס ער האט גערעדט דארטן, האב איך ברוך ה' זוכה געווען און אדורך געגאנגען גאנץ "**מעשה חכם ותם**" און האלב "**מעשה מבערגער ועני**". איך זאג אייך: איך האב געליינט א שענערע מעשה פון וואס 'כרמלי' דערציילט – א אמת'ערע מעשה, א שענערע מעשה, א אינטערעסאנטערע מעשה. און דאס איז דער אמת; מ'דארף נישט אנקומען ביז כרמלי דערציילט... דער "סיפורי מעשיות" איז אפן; מ'קען יעדן טאג לערנען.

איך האב ממשיך געווען, און פון דעמאלט'ס האב איך ברוך ה' געלערנט נאך "סיפורי מעשיות", און איך דארף נישט גיין זעהן גאר שיינע מצגות, מיט בילדאלאך. דער רבי דערציילט אסאך שענערע מעשיות, אסאך ליכטיגערע מעשיות... מעשיות פון גן עדן ממש!

(**שואל:** ס'קומט א חלישות הדעת - בשעת א ליידיגער צייט און מ'עפנט א סיפורי מעשיות - אפשר איז בעסער צו גיין לערנען גמרא?) איך האב נישט פארשטאנען די חלישות הדעת. יעדע זאך האט זיין צייט. בשעת מ'לערנט סיפורי מעשיות, לערנט מען סיפורי מעשיות; בשעת מ'לערנט גמרא, לערנט מען גמרא. מ'דארף לערנען גמרא און מ'דארף לערנען סיפורי מעשיות. וואס איז די חלישות הדעת דא?!

(ש: חוץ פון ליקוטי מוהר"ן דארף מען אויך לערנען סיפורי מעשיות?) **נאר וואס האסטו** געמיינט?! צו וואס האט דער רבי געמאכט סיפורי מעשיות? פאר די קוגל, זאל מען האבן צו זאגן 'דברי תורה' בשעת'ן עס'ן די קוגל (שבת אינדערפרי)?!

צו וואס האט דער רבי געמאכט חיי מוהר"ן? צו וואס איז דא שיחות הר"ן? צו וואס איז דא ספר המידות? – מ'דארף אלעס לערנען. מ'לערנט דאס, און מ'לערנט דאס. וואס איז דער פראבלעם? מ'לערנט דאס, און מ'לערנט דאס! איך האב ממש נישט פארשטאנען וואס איז די חלישות הדעת דא, וואס איז דער פראבלעם.

דער רבי האט געזאגט מ'זאל לערנען סיפורי מעשיות. דער רבי האט געמאכט סיפורי מעשיות, מ'זאל דאס לערנען. דער רבי האט געוואלט מ'זאל לערנען זיינע ספרים. דער רבי האט געזאגט[יז]: **"איך וועל שוין אנהויבן מעשיות דערציילן"**.

(ש: קודם דארף מען לערנען שולחן ערוך...) בסדר. הויב אן מיט שולחן ערוך, און זיי ממשיך מיט סיפורי מעשיות. זאגסטו אז מ'טאר נישט לערנען סיפורי מעשיות ביז מ'קען אויסנווייניג שולחן ערוך? איך האב נישט פארשטאנען. אזוי האלסטו?

דו האלסט באמת אזוי? גארנישט.. ס'איז סתם חלישות הדעת. ווייסטו וואס איז חלישות הדעת? חלישות הדעת איז אז דער דעת איז שוואך! (ס'איז נאר בלבולים,) ס'איז נישט קיין דעת. ס'איז נישט שייך צו רעדן פון זאכן וואס איז חלישות הדעת.

---

**יז.** ראה בהקדמת הסיפו"מ: בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן שֶׁהִתְחִיל רַבֵּנוּ ז"ל לַעֲסֹק בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אָמַר בְּפֵרוּשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: הִנְנִי אַתְחִיל לְסַפֵּר מַעֲשִׂיּוֹת - **"אִיךְ וֶועל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲשִׂיּוֹת דֶערְצֵיילְן"**; וְכַוָּנַת דְּבָרָיו הָיָה כְּמוֹ שֶׁאוֹמֵר: מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל לָכֶם לָשׁוּב אֶל ה' יִתְבָּרֵךְ עַל יְדֵי הַתּוֹרוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, מַה שֶּׁעָסַק בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת כָּל יָמָיו לַהֲשִׁיבֵנוּ אֶל ה' יִתְבָּרֵךְ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וּמֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כָּל אֵלֶּה - עַל כֵּן הוּא מַתְחִיל לַעֲסֹק בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (וראה גם בחיי מוהר"ן קנ"א).

(ש: אויב ער האט שוין געלערנט היינט סיי גמרא און סיי סיפורי מעשיות, און ער האט א האלבע שעה ליידיג, וואס זאל ער טאן? גיין לערנען נאך סיפורי מעשיות?) איך ווייס נישט. וואס ער וויל זאל ער לערנען. איך האב געקומען זאגן וואס מ'דארף לערנען? איך האב געקומען רעדן אז מ'דארף לערנען סיפורי מעשיות?

איך האב נאר געזאגט איין זאך: איך האב גערעדט אז ס'איז דא איינער וואס דערציילט מעשיות פון 'הודו'; דארט איז נישטא קיין שאלה פון גמרא און שולחן ערוך... איז דא רעדט מען מעשיות, און דא איז דא מעשיות. וויפיל מעשיות איז דא חוץ פון יענער, מ'זיצט אין ישיבה, מ'האלט אין איין דערציילן מעשיות וואס ס'טוט זיך. א גאנצע צייט איז דא מעשיות פון וואס ס'טוט זיך אין גאס.

איך האב נישט גערעדט פון גמרא בכלל. אבער איך כאפ נישט פונקט וואס איז די שאלה דא מיט די גמרא? וואס האט דאס מיט די גמרא? פלוצלונג, איך הויב אן רעדן פון סיפורי מעשיות, דערמאנט ער זיך פון די גמרא! ביז איצטער האט ער געלערנט יומם־ולילה גמרא? פשוט, איך נעם צו פון אים זיין גמרא... איך האב בכלל נישט גערעדט וועגן גמרא. מ'דארף לערנען גמרא, מ'דארף לערנען סיפורי מעשיות. וואס האט עס א שייכות איינעם צום צווייטן?

שוין, ס'איז זייער שפעט, מ'מוז מפסיק זיין. ס'איז דא גמרא, ס'איז דא סיפורי מעשיות, מ'דארף רעדן אין נאך פלעצער. דער אויבערשטער זאל העלפן. לאמיר זיך מחזק זיין. על כל פנים, דער גן עדן איז ממשיך... ווער ס'וויל, קען א גאנצע צייט טועם זיין טעם גן עדן. דער אויבערשטער זאל אונז אלעמען העלפן. חזקו ואמצו!

# פניני דחיי

## טעם גן עדן

דער רבי איז נישט קיין "קעמפ" פאר אפאר טעג... נאר ער מאכט דעם גאנצן לעבן פאר איין גרויסן גן־עדן. ווער ס'עפנט זיך צו זיינע עצות, קען טועם זיין טעם גן עדן שוין אויף דער וועלט.

התקרבות צום צדיק איז א טעם גן עדן. דער צדיק איז דער "גננא דגינתא", וואס פלאנצט און אנטוויקלט גן עדן אין יעדן איד.

אפילו א מצב וואס שפירט זיך ווי גיהנם קען זיך איבערדרייען אין גן עדן, ווען א מענטש נעמט אריין דעם רבי'ן, זיינע תורות און דיבורים.

יעדע מרירות, חלישות הדעת, קנאה, תאוה און כבוד קענען ווערן נמתק, ווען מ'לעבט מיט די עצות פון דעם רבי'ן.

דער אמת'ער גן עדן הויבט זיך אן אינעווייניג. אויפן פנים פון א מענטש קען מען דערקענען צו ער לעבט מיט דעם טעם פון גן עדן.

כדי צו שפירן דעם גן עדן דארף מען נישט נאר וויסן פון דעם רבי'ן, נאר זיך אונטערגעבן צו וואס ער זאגט און אויפהערן אלץ אריינצומישן אייגענע חשבונות.

## לקבל דבריו

דער ערשטער שריט צו זיין א תלמיד פון דעם רבי'ן איז פשוט צו הערן וואס דער רבי זאגט, נישט וואס איך וויל אז ער זאל זאגן.

אסאך מאל פארלירט מען די מתיקות ווייל מ'איז פארנומען מיט אייגענע פלפולים און בלבולים, אנשטאט זיך פשוט מחזק זיין מיט דעם וואס דער רבי זאגט.

ווען א מענטש הערט דעם רבי'ן בתמימות, עפנט זיך פאר אים א נייע בליק אויף זיין גאנצע לעבן.

יעדער ווארט פון דעם רבי'ן איז א ווארט פון גן עדן. יעדער דיבור וואס דער רבי לערנט קען ווערן א קוואל פון גרויס שמחה. ווי מער מ'לעבט דערמיט, אלץ מער ווערט דאס א חלק פון דעם לעבן.

דער עיקר גיהנם אויף דער וועלט איז עצבות און ביטערקייט, ווען א מענטש פארלירט זיין חיות.

דער רבי נעמט די זעלבע מצוות וואס מ'קען שפירן אלץ א עול און ביטערקייט, און מאכט פון זיי תרי"ג מיני גן עדן. ער

ברענגט אריין אין א איד חיות און שמחה און א אמת'ן קשר מיטן רבש"ע.

## להסתכל בשכל שבכל דבר

"להסתכל בשכל שבכל דבר" מיינט אז יעדער זאך אין לעבן האלט א ליכטיגקייט וואס קען מקרב זיין צום אויבערשטן. און נישט נאר באטראכטן דעם שכל, נאר זיך מקשר זיין דערצו, ביז עס באלייכט דעם גאנצן לעבן.

חכמה דקדושה איז דער אמת'ער חיות פון יעדע זאך. ווער ס'זוכט דעם שכל, ווערט אנגעפילט מיט לעבן.

דער וועג צו באקומען דעם שכל איז ענוה און ביטול. ווי די לבנה באקומט איר ליכט פון דעם זון, אזוי באקומט א איד ליכטיגקייט פון די תורה און די צדיקים.

דער יצר טוב הויבט זיך אן מיט דער הכרה אז "איך אליין וויים נישט"; דער יצר הרע וויל אלץ בלייבן מיט אייגענע פירושים.

לערנען תורה שטארקט דעם כח צו זוכן דעם "שכל שבכל דבר" און עפנט די טירן אז די תפילות זאלן ווערן אנגענומען.

א ברסלב'ער חסיד דארף מאכן פון יעדע תורה א תפילה. דורך בעטן אויף וואס מ'לערנט ווערט די תורה א טייל פון דעם לעבן.

## 'חיות' אין ישיבה

אפילו א שווערע סדר אין ישיבה, ווי א מסכתא פאר טויזנט שעה א 'זמן', איז א מתנה פון דעם אויבערשטן און א געלעגנהייט זיך צו דערנענטערן צו אים.

מען קען דורכגיין די זעלבע ישיבה מיט צוויי בליקן: אלץ א ביטערע עול, אדער אלץ א געלעגנהייט פון קדושה און התקרבות.

ווען מ'זוכט דעם שכל און די ליכטיגקייט אין דעם מצב וואס דער אויבערשטער האט צוגעגרייט און צוגעפירט, באקומט מען א נייע געשמאק און א חיות. און דאס גייט מיט אסאך תפילות און התבודדות אויף דעם רבי'נס דיבורים.

**אונטערשטע שורה:** ווער ס'וויל הערן דעם רבי'ן, פאלגן זיינע עצות און מתפלל זיין דערויף, קען יעדן טאג און יעדן רגע טועם זיין טעם גן עדן. מען דארף נישט זוכן גן עדן ערגעץ אנדערש; דער רבי ווייזט ווי דער גן עדן שטייט ממש פאר אונזערע אויגן.

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים
# מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל




## חסיד ברסלבר!

# קח שותפות קבועה
# בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון מספר קרן 6491 או בקו רוחא דחיי 023024743 שלוחה 9>1